# הכשירים אויף די שייטלען

(פארזעצונג פון פריערדיגע זייט)

פארק, מאנסי און קרית יואל, וואו איבער 500 נשים צדקניות האבן אנגעטאן שפיצלעך, און עס קומען נאך אלץ צו פרישע משפחות, כן ירבו.

וואויל איז פאר די נשים צדקניות, וואויל איז זייער חלק וואס זיי זענען בייגעשטאנען אזא גרויסן נסיון. זיי האבן אויסגענוצט דעם רוח התעודרות מן השמים אויסצואויילן דעם בעסטן אויסגעהאלטענסטן וועג, זיי וועלן זיכער באקומען דעם גרעסטן שכר אויף יענע וועלט, און ווען משיח וועט קומען, וועלן זיי זיכער באלאנגען צו משיח'ס מנין, ווי דער הייליגער קאלאשיצער רב זי"ע האט געזאגט, אז די משפחות פון די נשים צדקניות וואס פירן זיך ווי דער ד"ח און גייען אינגאנצן נישט מיט קיין שייטלען, וועלן זיין פון משיח'ס מנין, כמובא בדברי חנה.

דאס גרעסטע נארישקייט טוען אבער די נשים וואס נאך דעם שטורעם פון די ע"ז שייטלען, אנשטאט צו ווערן בעסער, האבן זיי אנגענומען אן ערגערן וועג, צו קויפן "קאסטום מעיד" שייטלען. זיי מיינען אז עס האט נישט די שאלה פון די ע"ז האר, אבער אין דער זעלבער צייט זענען די שייטלען זיכער אסור לכל הדעות, צוליב דעם איסור פון פריצות. די דאזיגע קאסטום מעיד שייטלען זענען דאך אזוי געמאכט אז די פארהיידאטע פרויען זאלן אויסזען גענוי ווי זיי האבן אויסגעזען אלס מיידלעך, וואס דאס איז דאס גרעסטע עזות און פריצות וואס איז נאר פאראן, ווי עס שרייבט הגה"ק ד' הלל קאלאמייער זצ"ל אין זיינע ספדים.

מען וואלט געדארפט איינזען אז די גאנצע געשיכטע איז געקומען אלס התעודרות פון הימל, צוליב דעם פארערגערטן פריצות, וואס די שייטלען זענען געווארן ערגעד פון יאר צו יאר. מ'האט אויסגענוצט א היתר וואס געוויסע גדולים האבן מתיר געווען הונדעדטער יארן צוריק אויף אזעלכע שייטלען וועלכע האבן קיינמאל נישט אויסגעזען ווי די פרויען גייען גענוי מיט זייערע אייגענע האר, עס איז געווען בלויז א קליין שטיקל שייטל, און עס איז בכלל נישט געווען אזוי פארגעשריטן ווי היינט, אז עס זאל אויסזען גענוי ווי די אייגענע האר. דעם דאזיגן היתר האט מען אויסגענוצט אויף האר שייטלען וואס זעען אויס אינגאנצן ווי די אייגענע האר כדרכי הגוים, און דער מצב איז געווארן ערגער פון יאר צו יאר.

דביה"ק מסאטמאר זי"ע האט זיך מתמרמר געווען דערויף אין א דרשה (פ' שופטים תשכ"ה), אז אויב עס איז שוין ליידער בעוה"ר געווארן איינגעריסן צו גיין מיט שייטלען, ווער האט אבער מתיר געווען די שייטלען וואס זעען אויס אינגאנצן ווי אייגענע האר, כדרכי הגוים גג על גג? אין יענע תקופה זענען די שייטלען געווען גג על גג, אין די שפעטערדיגע צייטן זענען די שייטלען געגאנגען אראפ, מיט די לאנגע צעלאזטע שייטלען, און אויף אנדערע פריצות'דיגע אופנים, וואס האט געמאכט די שייטלען אויסזען ערגעד ווי די אייגענע האר. דאס האט קיינער קיינמאל נישט מתיר געווען, און אלע חרדי'שע רבנים אין דעד וועלט האבן עס גע'אסר'ט.

נישט אלע נשים האבן דעם קוראזש נאכצופאלגן דעם ביישפיל פון די הונדערטער נשים צדקניות וועלכע האבן זיך אנגעטאן שפיצלעך, אדער האבן אויסגעפאלגט דעם פסק פון אלע ערליכע רבנים אז מ'זאל אויסטאן די האר־שייטלען, און בוחר זיין דעם רע במיעוטו און גיין מיט סינטעטישע שייטלען, מיט וועלכע מ'זעט נישט אויס ווי מ'גייט מיט די אייגענע האר. אויב האט כלל ישראל באקומען אזא שטארקן וואונק פון הימל, טאר מען דעם וואונק נישט איגנארירן. יעדער לפי ערכו זאל זר־כן זיך מתקן צו זיין, כאטש מיט אביסל, און זיכער טאר מען נישט אראפגיין צו א נידריגערע דרגא ר"ל.

השי"ת קוקט זיכער אויפ'ן מסי"נ פון די נשים צדקניות, וועלכע האבן פארשטאנען דעם וואונק פון הימל, און עס אויסגענוצט מתקן צו זיין, זיך צו פארבעסערן בדרכי הצניעות. אין זכות פון די נשים צדקניות וועלן מיר זוכה זיין צו די גאולה שלימה וקיבוץ נדחי ישראל, בביאת גוא"צ בב"א. □